# מיט א טיפערן בליק

## פרשת מקץ - חנוכה תשפ"ו

# איז א 'פינק' קליין אדער גרויס?

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

מיר געפונען זיך שוין טיף אריין אין די גרויסע און הייליגע טעג פון חנוכה וואס גייען שטענדיג צוזאמען מיט פרשת מקץ, ווי עס איז טאקע מבואר באריכות אין **ספרים הקדושים** פילע רמזים און טעמים וועלכע זענען מקשר די פרשה מיט'ן זמן. כדרכנו וועלן מיר אויך פראבירן בעזר השי"ת אפצולערנען א נקודה אין די וואכנדיגע סדרה און עס פארבינדן מיט ענינא דיומא. לאמיר אריינקוקן און כאפן א בליק אין די פסוקים און ארויסנעמען דערפון א זאך וואס איז נוגע פאר אונז אויף למעשה.

די פרשה הייבט זיך אָן מיט'ן חלום פון פרעה, פרעה האט געזעהן ווי זיבן מאָגערע קיען שלינגען איין זיבן פעטע קיען, ווי אויך זיבן אויסגעקלאפטע זאַנגען פון תבואה שלינגען איין די זיבן זאַנגען פון גוטע אנגעפולטע תבואה. וַיְהִי בַבֹּקֶר וַתִּפָּעֶם רוּחוֹ, פרעה שטייט אויף אינדערפרי אינגאנצן דערשראקן, זיין הארץ קלאפט פארשטייענדיג אז דאס איז נישט סתם א חלום, מן הסתם קומט עס עפעס מבשר זיין. ער לאזט רופן אלע חרטומי מצרים אז זיי זאלן איהם פותר חלום זיין, אבער קיינער קען איהם נישט צופרידנשטעלן. צום סוף דערציילט דער שר המשקים פאר פרעה אז זייענדיג אין תפיסה האט ער באגעגנט א נַעַר עִבְרִי עֶבֶד וועלכער האט גוט פותר חלום געווען. פרעה לאזט רופן און ארויסנעמען יוסף פון תפיסה, ער דערציילט איהם זיינע חלומות, און יוסף דערציילט איהם פונקטליך וואס עס גייט פאסירן אין מצרים במשך די קומענדיגע יארן, די זיבן זאטע יארן און די זיבן הונגער יארן.

צום ערשט דארף מען פארשטיין, פארוואס פאַנגט מען אָן מיט א פאסירונג וועגן פרעה אין די צייט וואס די תורה האט אונז בכלל נישט 'פאַרגעשטעלט' פון פריער ווער איז דער פרעה, וואס איז זיין היסטאריע, וואס טוט ער און וואס איז ער. אנשטאט אנהייבן פון אנהייב על הסדר, קומען מיר אריין אינמיטן זיין לעבן, און מיר לערנען איבער עפעס א פרעמדע קעניג וואס האט געהאט א בייזע חלום. פון וואו ווייסן מיר ווער איז פרעה בכלל און וואס איז זיין מציאות?

נאך א נקודה איז כדאי זיך צו פארטיפן, פרעה לאזט רופן יוסף הצדיק ווייל ער האט געהערט אז ער קען גוט פותר-חלום זיין און ער וועט האפנטליך זיין דער ריכטיגער שליח צו באלייכטן זיינע אויגן מיט'ן געבן א פאַסיגע באדייט אין זיינע חלומות. יוסף הצדיק האלט שוין דא נאך יארן שמאכטן אין תפיסה ביי פוטיפר, קיינער געדענקט איהם נישט, ער איז פארגעסן געווארן אפילו דורך דער שר המשקים וועמענ'ס הילף ער האט געבעטן מיט צוויי יאר פריער, ער געפונט זיך בשפל המצב אין א פינסטערן גרוב. ענדליך דערזעהט זיך אביסל ליכטיגקייט אויפן האריזאנט, דער קעניג פון מצרים שיקט איהם רופן, ער דארף א טובה פון איהם... אה, וואס קען דען זיין בעסער פאר אן ארעסטאנט אז סוף כל סוף האט זיך איינער דערמאנט אין איהם, נישט סתם איינער, נאר דער קעניג אליינס. פארשטייט זיך אז יעדער בר דעת וואלט אויסגענוצט אזא געלעגנהייט צו מאכן א גוטן איינדרוק אויפן קעניג, ער וואלט זייער געוואלט בלייבן אויף זיין גוטע זייט, אפשר אזוי וועט פון דא ארויסקומען די ישועה.

אבער יוסף הצדיק? ער טוט גאנץ עפעס אנדערש, ממש דאס פארקערטע! ווען ער שטייט פאר פרעה דער מקור הגאוה והטומאה, פרעה איז ווי באקאנט דער יסוד פון "אֲנִי וְאַפְסִי" וואו גארנישט אויסער 'מיר' עקזיסטירט נישט, קיינער קען מיך נישט איינטיילן וואס צו טוהן, ער איז א כופר בעיקר און גלייבט נישט אינעם באשעפער, רופט זיך אָן יוסף הצדיק צו איהם "בִּלְעָדָי, אֱלֹקִים יַעֲנֶה אֶת שְׁלוֹם פַּרְעֹה - וויסן זאלסטו פרעה אז עס האט גארנישט מיט מיר, איך פארמאג נישט קיין שום אייגענע כוח, דער אייבישטער איז דער וואס זאגט און טוט אלעס און ער וועט מיר חונן דעת זיין וואס צו זאגן איבער די חלומות".

יעדער פארשטייט אליינס אז נאך אזא 'מוסר דרשה' זענען פארהאן גרויסע אויסזיכטן אז פרעה זאל איהם תיכף ארויסווארפן פון פאלאץ און מער נישט וועלן זעהן זיין פנים. אזעלכע ווערטער זענען שטארק אומשטאנד אויפצורעגן פרעה און ווערן אויסגעטייטשט אלס חוצפה אדער מרידה-במלכות. ווער איז ער דער פארשעמטער קנעכט פון תפיסה וואס קומט איהם לערנען געטליכקייט און אמונה קעגן זיין גלויבן?! פארוואס האט יוסף הצדיק טאקע איינגעשטעלט זיין לעבן און זיין הצלה און זיך געגומען רעדן וועגן דעם אייבישטער, און פון וואו האט ער גענומען די געוואלדיגע דרייסטקייט און די עזות דקדושה צו זאגן דעם גאנצן אמת פאר פרעה אין פנים אריין.

**ניצוץ אחד יוצא ממפוח שלך ששורף את כולו**

כדי צו ערקלערן דעם ענין, לאמיר אביסל צוריק מישן דעם חומש צו פרשת וישב, און לערנען די ווערטער פון **רש"י הקדוש** אין אנהייב פון די פריערדיגע פרשה.

עס ווערט געברענגט דארט פון רש"י ישן: דבר אחר וישב יעקב, הפשתני הזה נכנסו גמליו טעונים פשתן, הפֶּחמי תמה אנה יכנס כל הפשתן הזה, היה פיקח אחד משיב לו ניצוץ אחד יוצא ממפוח שלך ששורף את כולו. דאס איז א משל צו איינער וואס האט געפירט א ריזיגע משא פון עטליכע קעמלעך אנגעלאָדנט מיט פלאַקס, איז געזעצן דארט א שמידער און האט זיך געוואונדערט וואו אהין וועט די גאנצע פלאַקס אריינגיין? רופט זיך אָן צו איהם א קלוגער מענטש, דו מאכסט אן עסק פון פלאַקס? איין פינק וואס שפריצט ארויס פון דיין בלאָזער וואס דו ניצט צו בלאזן אויפן פייער ביים שמידן די אייזן קען פארברענען די גאנצע פלאַקס אז ס'בלייבט נישט קיין זכר דערפון. [דער נמשל איז, אז יעקב אבינו האט נישט געדארפט מורא האבן פון עשו און זיינע קינדער, וויבאלד עס שטייט אין פסוק (עובדי א' י"ח) וְהָיָה בֵית יַעֲקֹב אֵשׁ וּבֵית יוֹסֵף לֶהָבָה וּבֵית עֵשָׂו לְקַשׁ, יוסף הצדיק איז ווי א פלאַם פייער פון וועלכע עס שפריצן ארויס פינקן, און עשו איז נישט מער ווי שטרוי, איין פינק פון יוסף הצדיק קען פארברענען עשו מיט אלע זיינע כוחות].

ווען מ'לערנט דעם משל ווערט אביסל שווער, עס געפונט זיך דא א מענטש וועלכער קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט די ריזיגע לאַסט פון פלאַקס וואס ער טראגט אויף זיינע קעמלען, ער זעהט נישט קיין וועג וויאזוי דאס וועט אריינפאַסן אינעם פלאַץ וואו עס דארף אנקומען. קומט דער 'פיקח אחד' דער קלוגער מענטש, און ער איז איהם מסביר אז איין פינק קען אלעס חרוב מאכן. דאס הייסט פיקחות? אזוי גיבט מען יענעם א עצה, ווען ער האט נישט וואו אריינצולייגן די פלאַקס זאגט מען איהם אז מ'קען עס פארברענען? אין אונזערע אויגן זענען די ווערטער פונעם פיקח בכלל נישט גערעדט צו די זאך.

נאר אז מיר וועלן זיך ריכטיג מתבונן זיין וועלן מיר באמערקן אז עס ליגט דא א טיפע מוסר השכל. זייער אסאך מאל אינעם מענטשנ'ס לעבן קומען אונטער פארשידענע נסיונות און שוועריגקייטן, און דער מענטש ווערט פארנומען מיט דאגות און חקירות 'וויאזוי' דער פראבלעם וועט ווערן אויס, אויף וועלכע אופן די ישועה וועט קומען, ער מאכט אלע סארטן חשבונות און פלאָגט זיך צו פארשטיין וואס וועט דא זיין.

אבער ווי מיר האבן שוין אסאך מאל דערמאנט, אונז דארפן נישט געבן קיין עצות פארן באשעפער, דער רבוש"ע האט זיך זיינע וועגן און זיינע פלענער, ישועת ה' כהרף עין, עס קומט צו גיין פלוצלינג אין איין רגע פון אן אומערווארטעטן פלאץ, און אלע מכשולות און שטרויכלונגען וואס האבן פריער אויסגעזעהן ווי עק וועלט, קענען ווערן בטל ומבוטל כאילו ס'האט בכלל נישט עקזיסטירט.

א איד דארף לעבן מיט אמונה און בטחון אין השי"ת אין יעדע מצב, זאל זיין וואס זאל זיין, וויסן אז דער רבונו של עולם קען איהם העלפן אפילו ווען ער ווייסט נישט און פארשטייט נישט וויאזוי, און מען טאר נישט 'בלייבן שטעקן' מיט די אלע סארטן קושיות און מחשבות "אבער וויאזוי וועל איך געהאלפן ווערן? ווען וועט עס געשען? אויף וועלכע אופן?" ווייל דאס אלעס געהערט נישט צו אונז. ווי **רש"י** ברענגט אין פרשת שופטים אויפן פסוק (י"ח י"ג) תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ, "הִתְהַלֵּךְ עִמּוֹ בִּתְמִימוּת וּתְצַפֶּה לוֹ, וְלֹא תַחֲקוֹר אַחַר הָעֲתִידוֹת, אֶלָּא כָּל מַה שֶּׁיָּבֹא עָלֶיךָ קַבֵּל בִּתְמִימוּת, וְאָז תִּהְיֶה עִמּוֹ וּלְחֶלְקוֹ" פארלאז זיך אויף השי"ת און האָף צו איהם, זיי נישט פארנומען צו פאָרשן און חוקר זיין וואס וועט זיין מיט דיר אין די צוקונפט, נאר לייג דיך אריין אין די הענט פונעם רבונו של עולם, און וואס ער טוט מיט דיר זיי מקבל, און דאס וועט דיר ברענגן נאנט צום אייבישטער און צו זיין דָבוק אין איהם, דו וועסט זיין "עִם ה' אֱלֹקֶיךָ".

אט דאס באדייט די ווערטער פונעם 'פיקח אחד' וואס רש"י ברענגט אינעם משל. וויפיל צייט און ענערגיע געבן מענטשן אוועק אומזיסט בלויז כדי צו קענען 'אויפקומען מיט א פלאן און א מהלך' וויאזוי זיך אן עצה צו געבן מיט געוויסע זאכן, וואס באמת איז דאס בכלל נישט נוגע, **ווייל דער רבוש"ע גייט שיקן א ניצוץ אחד, איין קליינע פינק, וואס א רגע פאַרדעם האט מען עס נישט געזעהן, און א רגע שפעטער איז עס שוין נישט דא, אבער אלעס שטעלט זיך אין פלאץ, עס ווערט נתברר אז ס'איז נישט דא קיין פשתן, נישט דא קיין פראבלעמען, און מ'דארף גארנישט אליינס מסדר זיין.**

## דער איד לעבט שטענדיג נאר מיט'ן באשעפער

עס איז מיר לעצטענס אויסגעקומען צו הערן א הערליכע געדאנק פון א חשוב'ער בעל דרשן, ער האט געזאגט ווי פאלגענד: אויף לשון הקודש ווערט דאס לעבן אנגערופן מיט'ן נאמען 'חיים' וואס די צוויי מיטלסטע אותיות זענען יי און זענען מרמז אויפן שם השם. להבדיל אויף ענגליש ווערט לעבן אנגערופן מיט'ן נאמען 'Life' וואס די צוויי מיטלסטע אותיות דערפון זענען if א לשון פון ספק און חקירה, אויב, טאמער.

ווייל א איד לעבט מיט'ן רבונו של עולם, זיין גאנצע מהות און גאנצע פנימיות איז נאר אמונה בהשי"ת, גארנישט דארף נישט שטימען, מיר דארפן גארנישט פארשטיין, מיר האבן א גרויסע באשעפער און מיר פארלאזן זיך אויף איהם אז ער פירט און טוט אלעס. אבער להבדיל ביים גוי, זיין גאנצע פנימיות און מציאות איז אלעמאל מיט חשבונות און מחשבות וואס וועט זיין אויב איך טוה אזוי, וויאזוי וועט זיך אויסשטעלן, אויב וועט געשען, אפשר וועט פאסירן, וכהנה וכהנה, ער לעבט שטענדיג מיט if און פראבירט אויסצורעכענען און קאנטראלירן זיינע שריט לויט זיינע מחשבות און מסקנות פון כוחי ועצם ידי.

## ווען מען לאזט זיך פירן פונעם הייליגן ניצוץ

דאס איז אויך נוגע לגבי די עצם הנהגה פון א איד אויף יעדע טריט און שריט. טאקע ווייל מיר האבן א גרויסע באשעפער, טאקע ווייל מיר זענען נישט אין די אייגענע הענט, דעריבער ווען עס קומט אונטער צו טוהן א דבר טוב, עס ווערט ערוועקט אין אונז א 'ניצוץ אחד' א גוטע פינק אריינצושפרינגען אין א מצוה, צו טוהן דעם רצון ה', זיך אונטערנעמען א קבלה טובה, וכדומה, טארן מיר זיך נישט צוריקהאלטן צוליב די שווערע משא פון פשתן וואס שטייט אונז אין וועג. **א איד דארף שטענדיג טוהן דאס וואס איז אמת'דיג און ריכטיג אין די יעצטיגע מינוט. מיר טארן נישט האבן קיין אָפּהאַלט וועגן פארשידענע חשבונות רבים וואס פלאגן אונז, וויאזוי וועל איך עס קענען ענדיגן? וויאזוי וועל איך עס קענען אויספירן? אפשר וועט עס האבן א נישט-גוטע ווירקונג אויף מיר, אויף מיינע חברים, אויף מיין פרנסה?**

אונזער ארבעט איז נישט צו פארענטפערן די עתידות און אויסגראָדן דעם וועג ווייטער! אדרבה, די אלע ספיקות און קווענקלענישן זענען נישט מער ווי אביסל טריקענע פלאַקס וואס קען ווערן בטל ומבוטל אין איין רגע. אויב דער אייבישטער וויל פון אונז א געוויסע הנהגה, אויב מיר דארפן מקיים זיין א מצוה און טוהן דעם רצון ה', דאן קומען נישט אריין קיין שום שאלות און ספיקות. אונזער תפקיד איז אריינצושפרינגען און נאכגיין דעם 'ניצוץ אחד' ביז'ן סוף.

אגב, דערמאנט עס מיר א שיינע מעשה וואס כ'האב אמאל געהערט, א מעשה נפלא וואס האט פאסירט מיט א איד וואס האט געדארפט האבן א וויכטיגע זיצונג מיט א בעל הבית פון א ריזיגע פירמע - א ברייט באקאנטער עושר, ס'איז געווען א ערנסטע 'ביזנעס מיטינג' אין וועלכע ער האט אנגעהאנגען גרויס האפענונג אז ער וועט קענען שליסן א גוטן געשעפט מיט יענעם און פארדינען דערביי גרויסע רווחים. מה עשה הקדוש ברוך הוא, אויפן וועג צום מיטינג איז ער געווארן אויפגעהאלטן פון א שווערן טרעפיק, און ער איז אנגעקומען צום באשטימטן פלאץ מיט א פארשפעטיגונג פון א שיינע פּאָר מינוט. פארשטייט זיך אז די הויט האט גוט געברענט אויף איהם, ער איז געווען שטארק אנגעצויגן מורא האבנדיג אז דאס וועט מאכן א אומגינסטיגן רושם

אויפן סוחר וועמען ער וויל דא באגעגענען, יענער איז געווען א אויסגערעכנטער מענטש מיט א פונקטליכן סדר היום, און דא קומט ער אָן שפעט, נאכדערצו ווען עס איז זייער ערשטע באגעגעניש.

הכלל, אזוי לויפנדיג צום בנין, זעהט ער ווי עס זיצט אויף דער ערד אן עלטערע איד, אינגעלאַנט אויפן וואנט, זיין פנים האט נישט אויסגעזעהן צו גוט, ער האט פארשטאנען ס'איז שטארק מעגליך אז דער איד דארף הילף. דא האט זיך אנגעהויבן אינעווייניג אין איהם א גרויסע מלחמה, פון איין זייט האט דאָך איהם געברענט צו לויפן ווייטער און זיך נישט אפשטעלן פאר גארנישט, און ווער זאגט אז דער מענטש דארף בכלל הילף? אפשר רוהט ער זיך נאר אפ דא? בכלל, כ'האב דאָך איהם נישט געמוזט באמערקן... פון די צווייטע זייט האט ער געשפירט אז מ'טאר זיך נישט פארהוילן, אן עלטערע מענטש אין אזא מצב, אפשר האט עפעס ערנסט פאסירט מיט איהם און ער איז אין א סכנה. אזוי האבן די מחשבות געבוזשעוועט אין איהם אויף אלע זייטן, דער יצר הרע און יצר טוב האבן זיך ארומגעשלאגן אין זיין הארץ וואס איז די ריכטיגע שריט צו טוהן יעצט. צום סוף האט דער יצר טוב גובר געווען, ער האט מחליט געווען אז א איד טאר נישט גיין ווייטער ווען ער זעהט אזא זאך, ספק פיקוח נפש איז דוחה אלעס, א כפרה זיינע וויכטיגע געשעפטן, און ער האט זיך אראפגעבויגן צו דעם איד און מטפל געווען אין איהם מיט געטריישאפט, גערופן פאר הילף און געווארט ביז זיי זענען אנגעקומען, און ערשט נאכדעם האט ער געוואנדן זיינע טריט אריין אינעם בנין, נישט וויסענדיג וואס זיינע קומענדיגע שריט גייען זיין.

אויפן וועג אריין האט ער שוין באקומען א מעסעדזש אויף זיין טעלעפאן וואס איז איהם מודיע מטעם דער אפיס פונעם גרויסן עושר אז זיין זיצונג איז געווארן אפגעזאגט צוליב זיין פארשפעטיגונג. אזוי שטייענדיג דארט קלערנדיג וואס צו טוהן ווייטער, צוקלינגט זיך זיין טעלעפאן, איינער רופט איהם אז ער זאל יא אריינקומען אינעווייניג זיך צו טרעפן מיט'ן עושר... ער בלייבט שטיין אינגאנצן צומישט און זאגט אז ער האט נארוואס באקומען א הודעה אז די מיטינג איז אפגערופן געווארן, ענטפערט איהם יענער "איך בין דער בעל הבית אליינס, אנטשולדיגט אז די אפיס האט דיר ארויסגעשיקט אזא מעסעדזש, אבער איך וויל דיר יא טרעפן, איך וויל דיר עפעס וויכטיג מודיע זיין"...

דער איד איז געווען אינגאנצן ערשטוינט, אויף אזאנס האט ער זיך נישט גערעכנט אז דער גרויסער עושר אליינס זאל איהם רופן און איינלאַדענען צו זיך פערזענליך, נאכדערצו נאך אזא דורכפאל פון פארשפעטיגן דעם מיטינג וואס האט געזאלט מאכן אויף איהם א נישט גוטן איינדרוק. נישט וויסענדיג וואס צו ערווארטן איז ער ממשיך צו גיין אינעם ריכטונג פונעם פלאץ וואו מ'האט איהם געהייסן. דער בעל הבית איז שוין געשטאנען ביים טיר און איהם אפגעווארט, און נעמט איהם אויף מיט א ברייטן ברוך הבא. דער בעל הבית דערציילט, איך בין געשטאנען ביים פענסטער, איך האב געזעהן אלעס וואס האט זיך אפגעטוהן אינדרויסן, ווי דו קומסט צו לויפן מיט איין אטעם אזוי שפעט און אנגעצויגן, און כ'האב באמערקט ווי דו ביסט מוותר אויף אלעם און שטעלסט זיך אפ העלפן א צווייטן מיט אזא איבערגעגעבנקייט, איך האב פארשטאנען אז ס'איז דיר זיכער נישט לייכט אנגעקומען, אבער דאָך האסטו פארקוקט אויף דיין פערזענליכע הצלחה און דו האסט אויסגעוועלט צו טוהן וואס איז ריכטיג. דאס האט געמאכט אויף מיר א געוואלדיגע גוטע רושם זעענדיג וואס פאר א סארט מענטש דו ביסט, מיט אזא איינעם ווי דיר וויל איך האנדלען, אונזער געשעפט איז שוין געשלאסן!

פירושים זענען איבריג. דאס איז דער כוח פון א איד וואס לאזט זיך פירן דורך זיין 'ניצוץ אחד' וואס ברענט אין איהם, און ברענגט איהם צו טוהן די ריכטיגע שריט. פארשטייט זיך אז נישט אלעמאל זעהט מען די גוטע תוצאות און די ישועות ה' אויפן פלאץ, נישט אין יעדע פאל פאסירט אזא געשמאקע ענדע, אבער די נקודה איז פשוט אז מיר דארפן טוהן וואס איז ריכטיג און אויסגעהאלטן צו טוהן אויף די מינוט, אָן קיין חשבונות וועגן אלעס ארום.

**ווער איז פרעה און וואס איז זיין מהות?**

אצינד לאמיר צוריק קומען צו אונזער פרשה. פרעה האט געהאט א חלום, דאס הארץ זאגט איהם פאָר אז עפעס טויג נישט. נו, מאכט זיך אמאל אז א מענטש האט א שלעכטע חלום און ער ווייסט נישט פשט דערפון, כבר היה לעולמים. אבער פרעה ווערט אינגאנצן אויס מענטש. וַיְהִי בַבֹּקֶר וַתִּפָּעֶם רוּחוֹ, זיין גייסט קלאַפּט ווי א גלעקל (זעה רש"י) און ער קען זיך נישט בארואיגן, וַיִּשְׁלַח וַיִּקְרָא אֶת 'כָּל' חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם וְאֶת 'כָּל' חֲכָמֶיהָ וַיְסַפֵּר פַּרְעֹה לָהֶם אֶת חֲלֹמוֹ, ער קערט איבער וועלטן, ער לאזט רופן אלע כישוף מאכערס און אלע חכמים פון די גאנצע לאנד, וְאֵין פּוֹתֵר אוֹתָם לְפַרְעֹה, קיינער אבער נישט גוט ענטשיידן פאר פרעה. ווי **רש"י** ברענגט פון **מדרש**, די חכמים האבן געהאט פארשידענע פתרונות אויף זיין חלום, אבער פרעה איז נישט צופרידן, ער הערט זיי נישט אויס.

מער פון דעם א הקדמה אויף די מהות פון פרעה דארפן מיר נישט. ווי מיר האבן פריער מדייק געווען, פארוואס ברענגט נישט די תורה ווער איז פרעה און וואס איז ער? אז מ'לערנט די געציילטע פסוקים ווייסן מיר שוין אלעס איבער פרעה. פרעה איז די מקור הטומאה, איין שטיק אֲנִי וְאַפְסִי אנגעפילט מיט גאוה און שטאלץ וואס האלט אז ער ווייסט אלעס און קאנטראלירט אלעס, און אויב עפעס גייט נישט זיין וועג, דאן וועט ער זיך נישט בארואיגן ביז ער איז נישט מסדר אלעס אין פלאץ. נישט קיין חילוק אויב מ'דארף רופן אלע חכמים און מכשפים, און אפילו אויב מ'דארף ארויסנעמען עפעס אן אומבאקאנטן נער עבד עברי פון תפיסה, וועט ער דאס אויך טוהן, און צום סוף איהם אפילו שענקן האלב פון זיין קעניגרייך, אַבִּי אז ער -פרעה- זאל בלייבן אין קאנטראל און מאכן זיכער אז אלעס פירט זיך ווייטער אונטער זיינע הענט אזויווי ער וויל.

**יוסף הצדיק די היפוך פון פרעה הרשע**

יוסף הצדיק איז פונקט דאס פארקערטע פון פרעה, מן הקצה אל הקצה, יוסף לעבט מיט'ן אייבישטער און ווייסט אז ער אליינס איז 'גארנישט' אין קאנטראל און ס'איז נישט זיין ארבעט מסדר צו זיין די פראבלעמען און פארענטפערן אלע שוועריגקייטן. אויף יוסף הצדיק זאגט דער נביא "וּבֵית יוֹסֵף לֶהָבָה" ער איז דער פייער וואס שפריצט ארויס די פינקען, ער ווייסט און גלייבט אז דער אייבישטער פירט די וועלט און ער איז דער וואס טוט און פירט אלעס.

יוסף הצדיק איז אדורכגעגאנגען די ערגסטע מצבים, זיין לעבן ביז אהין איז כסדר געווארן שווערער און נאך שווערער, אנגעהויבן פון ווען די ברידער האבן

איהם פיינט געהאט, ער ווערט אריינגעווארפן אין א פינסטערן גרוב, ער ווערט פארקויפט צו ישמעאלים, דערנאך קיין מצרים, ער געפונט זיך איינער אליינס ביי פוטיפר, דערנאך קומט ער אָן אין תפיסה אויף א שענדליכן אופן, אפילו דער שר המשקים פון וועמען ער האט געבעטן הילף האט איהם אויך פארגעסן... אבער יוסף הצדיק לעבט נאך אלס מיט די אמונה און שטארקייט פון 'ניצוץ אחד' ער ווייסט אז דער אייבישטער'ס כוח איז גרויס און ער קען געהאלפן ווערן אין איין רגע, אפילו אויב ס'זענען נישט דא קיין שום אויסזיכטן בדרך הטבע, און אפילו אויב אלעס ביז אהער איז נאר געגאנגען בארג אראפ, דאַך קען פלוצלינג קומען צו גיין דעם קליינעם פינק וואס וועט ענדערן אלעס לטובה. אזוי ווי עס האט טאקע פאסירט למעשה מיט איהם.

אויב יוסף הצדיק וואלט געשפירט אז זיין ישועה ליגט אין 'זיינע' אייגענע הענט, וואלט ער געוויס געמאכט השתדלות; אויפן וועג אריינגייענדיג צו פרעה וואלט ער געפרעגט די ארומיגע מענטשן, וואס דארף מען זאגן פארן קעניג? וואס האט ער ליב צו הערן? וועלכע דיבורים טאר מען נישט דערמאנען? ווי עס איז דער סדר פון א בשר ודם וואס רעדט זיך איין אז 'ער' מוז אלעס אויסרעכענען פון פאָראויס און מאכן זיכער אז אלעס שטימט. יוסף וואלט געדארפט זוכן צו געפעלן פאר פרעה און זיך חַנפ'ענען צו איהם כדי ער זאל איהם נישט צוריק שיקן אין תפיסה וכדומה.

אבער יוסף הצדיק צוקראַצט זיך בכלל נישט פון פרעה, ער פרעגט נישט און פּלאַנט נישט, ער זוכט נישט צו געפעלן פאר פרעה. אדרבה, ער לעבט ווייטער כדרכו בקודש מיט'ן 'ניצוץ אחד' פון טוהן וואס איז ריכטיג יעצט! ווען פרעה דערציילט זיין חלום, רופט ער אויס מיט עזות דקדושה דעם ריינעם אמת "בִּלְעָדָי, אֱלֹקִים יַעֲנֶה אֶת שְׁלוֹם פַּרְעֹה - עס האט גארנישט מיט מיר, איך פארמאג נישט קיין שום אייגענע כוח, דער אייבישטער איז דער וואס זאגט, אָן איהם קען א מענטש גארנישט אליינס". עס אינטערסירט איהם נישט אויב פרעה וועט ווערן אויפגערעגט דורכ'ן הערן אזעלכע דיבורים אדער נישט, ער זאגט דאס וואס השי"ת וויל ער זאל זאגן, אָן מאכן קיין שום חשבונות אין די זייט.

וואס פאסירט ווייטער? דער גרויסער שטאלצער פרעה ווערט ממש בטל און נכנע פאר יוסף. אנשטאט ווערן אויפגערעגט אויף איהם אדער אוועקמאכן זיינע רייד, שטייט אין פסוק וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל עֲבָדָיו הֲנִמְצָא כָזֶה אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ אֱלֹקִים בּוֹ, איז דא נאך אזא מענטש וואס האט אין זיך א געטליכע גייסט? און ער זאגט ווייטער אַחֲרֵי הוֹדִיעַ אֱלֹקִים אוֹתְךָ אֶת כָּל זֹאת אֵין נָבוֹן וְחָכָם כָּמוֹךָ, נאכדעם וואס דער אייבישטער האט דיר דאס אלעס מודיע געווען, איז נישט פארהאן נאך אזא קלוגער מענטש ווי דיר. פרעה דער כופר רעדט פונעם אייבישטער! ער נעמט אָן יוסף'ס ווערטער. אזוי אויך רופט ער איהם א 'נבון וחכם', ווייל דאס איז באמת די גרעסטע דרגא אין חכמה ווען מ'האט די קלארקייט און פארשטאנד צו זעהן און טוהן וואס איז באמת ריכטיג, ווען מ'איז זוכה צו לעבן מיט השי"ת און נישט מורא האבן פאר קיין שום זאך, פונקט ווי רש"י אין פרשת וישב דרוקט זיך אויס מיט'ן לשון 'פיקח אחד' ווען א איד ווייסט און פארשטייט אז דער באשעפער איז דער וואס פירט אלעס.

### די חשמונאים האבן נישט געמאכט קיין חשבונות

ווי פאסיג און לעבטיג איז דער ענין מיט די ימי החנוכה, די טעג פון נסים ונפלאות וואס השי"ת האט געטוהן מיט אונז אין די צייטן פון בית המקדש, און ער האט געוויזן די כוח פון ישועת ה' כהרף עין חוץ לדרך הטבע ממש.

די הייליגע חשמונאים זענען אריינגעשפרינגען אין די מלחמה קעגן די יוונים, זיי האבן זיך געלאזט פירן פונעם 'ניצוץ אחד' דעם הייליגן פינק וואס האט געברענגט אין זיי צו טוהן דאס ריכטיגע, אָן מאכן חשבונות אויב ס'שטימט אדער נישט. ווי מיר זאגן אין די נוסח פון בימי מתתיהו "מָסַרְתָּ גִבּוֹרִים בְּיַד חַלָּשִׁים וְרַבִּים בְּיַד מְעַטִּים וּטְמֵאִים בְּיַד טְהוֹרִים", די גאנצע נצחון המלחמה האט נישט געהאט קיין שום כוח און קיין שום שאַנס בדרך הטבע. אזוי אויך די נס מיט'ן פך שמן, די קליינע קריגל אויל וואס האט געברענט פאר אכט טעג חוץ לדרך הטבע, דאס אלעס לערנט און ווייזט פאר כלל ישראל אז דער רבוש"ע איז דער וואס פירט די וועלט און ער איז בעל הבית אויף די גאנצע טבע, און מיר דארפן טוהן זיין רצון אָן קיין שום חקירות און חשבונות.

די יוונים האבן טאקע געוואלט דאס אויסרייסן פון אונז ח"ו, ווי מיר געפונען אין **מדרש** אז די יוונים האבן געזאגט "כִּתְבוּ עַל קֶרֶן הַשּׁוֹר שֶׁאֵין לָכֶם חֵלֶק בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל - שרייבט אויפן האָרן פון אן אָקס אז איר האט שוין נישט קיין חלק אינעם אייבישטער ח"ו", ווי די **ספרים הקדושים** ערקלערן בדרך רמז אז 'שור' איז מרמז אויף יוסף הצדיק וואס ווערט אנגערופן אין פסוק (דברים ל"ג י"ז) בְּכוֹר שׁוֹרוֹ הָדָר לוֹ. די יוונים האבן אונז געוואלט דערווייטערן פון אט די מידה וואס יוסף הצדיק לערנט אונז, צו גלייבן און זיך אנכאפן שטענדיג אינעם כוח פון ניצוץ אחד, דעם הייליגן פינק וואס מיר דארפן טוהן, און השי"ת איז דער וואס וועט טוהן און אויספירן דאס איבריגע.

חנוכה איז א זמן ווען מיר צינדן אָן די חנוכה ליכט אין די טונקל, מיר זענען מקיים מוסיף והולך, צו ווייזן אז פון איין פינק, פון איין קליינעם פלאַם, קען ווערן א גרויסע אור און באלייכטן אינגאנצן אין סיי וועלכע זמן און סיי וועלכע מצב! הרחמן הוא יעשה לנו נסים ונפלאות כמו שעשה לאבותינו בימים ההם בזמן הזה.

לסיכום געדענק:

- ישועת ה' כהרף עין, ס'קומט צו גיין פלוצלינג אין איין רגע פון א אומערווארטעטן פלאץ, און אלע מכשולות און שטרויכלונגען ווערן בטל ומבוטל כאילו ס'האט בכלל נישט עקזיסטירט.
- ווען עס קומט צו טוהן א דבר טוב, א מצוה, רצון ה', טאר מען זיך נישט צוריקהאלטן צוליב פארשידענע חשבונות און חששות וויאזוי מ'וועט עס קענען אויספירן וכדומה.
- די חשמונאים האבן נישט געמאכט קיין חשבונות נאר אריינגעשפרינגען און אויסגעפירט דעם 'ניצוץ אחד' וואס האט געברענט אין זיי, און דאס איז אונזער עבודה בימים אלו בזמן הזה.

## א לעבטיגע שבת קודש און א פרייליכן חנוכה!

לע"נ הר"ר **משה שמעון הלוי** ז"ל

בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח ר' **שרגא פייביל** שליט"א

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com